**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/4/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול אויף טענטאטיווע אפמאך דערגרייכט אויף צו ענדיגן ׳מערסי האספיטעל׳ סטרייק**

"קיינער האט נישט איינגעשטעלט מער אין לויף פון דער פאנדעמיק ווי די וועלכע שטייען אויפ׳ן פראנט, און איך בין שטאלץ געווען צו שטיין מיט די העלטקעיר ארבעטער ביי ׳מערסי האספיטעל׳ פריער דעם חודש אין זייער קאמף פאר די ווערדזשעס, באשיצונגען, און בענעפיטן וואס קומט זיך פאר די לעבנס-רעטנדע ארבעט וואס זיי האבן געטוהן.

איך האב גערעדט צוביידע פארטייען עטליכע מאל זינט אנהויב פונ׳ם סטרייק, און מיין טיעם איז געווען כסדר אין פארבינדונג מיט די ארבעטער ווי אויך מיט שפיטאל פארוואלטונג אויף אויסצוארבעטן די היינט-נאכטיגע רעזאלוציע.

דער קאנטראקט קען זיין א נאציאנאלע מאדעל פאר אנערקענען אונזער העלטקעיר ארבעטער, און איך בעט שטארק פון ביידע זייטן אז זיי זאלן מאכן זייער אפמאך פערמאנענט כדי אז אינאיינעם וועלן ׳מערסי האספיטעל׳ און אירע ארבעטער קענען פארזעצן ווייטער צו שפילן זייער קריטישע ראלע אין סערווירן און אויפפאסן פאר די באפעלאו קאמיוניטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן